# **פובליק טשארדזש:** איז עס מיר נוגע?

פובליק טשארדזש איז א טעסט צו זען אויב איינער וועט ווארשיינליך ווערן אנגעוואנדן אין געוויסע רעגירונגס פראגראמען. דער פובליק טשארדזש געזעץ ווערט גע'טשאלענדזש'ט מיט מערערע געזעצליכע אנקלאגעס. פאר די לעצטע נייעס לגבי ווי עס האלטן די געזעצליכע אנקלאגעס, באזוכט דעם וועבזייטל **nyc.gov/publiccharge** אדער רופט די ActionNYC האטליין אויף 800-354-0365. פון 9:00 אינדערפרי ביז 6:00 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג.

די אינפארמאציע וואס ווערט דא צוגעשטעלט איז נישט קיין לעגאלע ראט. רופט די Action NYC האטליין צו לערנען מער און צו מאכן אן אפוינטמענט מיט א פארלעסליכע אדוואקאט פאר פרייע לעגאלע ראט. דער האטליין איז אנאנים און אוועילעבל אין איבער 200 שפראכן.

איר האט א גרין קארטל.

**דער פובליק טשארדזש געזעץ גילט נישט אויף אייך, אריינגערעכנט ווען איר באנייט אייער גרין קארטל.**
פונדעסטוועגן, אויב איר פלאנירט צו פארלאזן דאס לאנד פאר מער ווי זעקס מאנאטן, זאלט איר רעדן צו אן אימיגראציע אדוואקאט.

איר געבט זיך איין אדער איר האט שוין איינע פון די פאלגנדע סטאטוסעס: US בירגערשאפט, T אדער U וויזע, אזיילום, רעפיודזשי, ספעציעלע אימיגראנט דזשווועניילע, VAWA סעלף-פעטישאנער.

**דער פובליק טשארדזש געזעץ גילט נישט אויף אייך.**
איר קענט ווייטער נוצן סיי וועלכע רעגירונג פראגראמען פאר וואס איר קוואליפיצירט. די בענעפיטן וואס איר באקומט בשעת איר זענט אין דעם סטאטוס וועלן נישט ווערן גערעכנט קעגן אייך, אפילו אויב איר געבט זיך איין פאר א גרין קארטל אויף אן אנדערן באזיס.

איר אדער אייער פאמיליע מיטגלידער פלאנירט זיך איינצוגעבן פאר א גרין קארטל, זיך איינצוגעבן פאר א וויזע, אדער באנייען א וויזע פון *אינעווייניג* אין די פאראייניגטע שטאטן.

**באקומט אן אימיגראציע קאנסולטאציע.**
איר קענט נאך אלס נישט זיין פאסיק צום פובליק טשארדזש טעסט. אפילו אויב איר זענט פאסיק צום טעסט, קענען די פובליק בענעפיטן וואס איר באקומט מעגליך נישט ווערן באטראכט אלס טייל פונעם טעסט. אין צוגאב, גילט נישט דער טעסט אויב איר באנייט טעמפארערי פראטעקטעד סטאטוס (TPS) פראגראם אדער דער דעפערד עקשאן פאר טשיילדהוד עריייוועלס (DACA) פראגראם.

איר אדער אייער פאמיליע מיטגליד פלאנירט זיך איינצוגעבן פאר א גרין קארטל, זיך איינצוגעבן פאר א וויזע, אדער באנייען א וויזע פון *אינדרויסן* פון די פאראייניגטע שטאטן.

**באקומט אן אימיגראציע קאנסולטאציע.**
עס איז פאראהאן א באזונדערע פובליק טשארדזש געזעץ און אנווייזונגען פאר גרין קארטל און וויזע אפליקאציעס וואס זענען געווארן אריינגעגעבן פון *אינדרויסן* פון די פאראייניגטע שטאטן. פרעגט אן אימיגראציע אדוואקאט צו באקומען די לעצטע אינפארמאציע אויף פובליק טשארדזש-פארבינדענע אנווייזונגען. אויב איר האט נישט קיין אדוואקאט, רופט די ActionNYC אויף 800-354-0365.

המשך ◄

# פובליק טשארדזש: באקומט העלט קעיר אן קיין שרעק

דער פובליק טשארדזש געזעץ ווערט גע'טשאלענדזש'ט מיט מערערע געזעצליכע אנקלאגעס. פאר די לעצטע נייעס לגבי ווי עס האלטן די געזעצליכע אנקלאגעס, באזוכט דעם וועבזייטל **nyc.gov/publiccharge** אדער רופט די ActionNYC האטליין אויף 800-354-0365.

| | ווירקונג פון פובליק טשארדזש | שריט וואס איר קענט נעמען |
|---|---|---|
| באקומען קעיר ביי NYC דעפארטמענטס ווו העלט קליניקס, NYC געזונטהייט + שפיטעלער, קאמיוניטי העלט צענטערן | באקומען העלט קעיר איז נישט קיין פובליק בענעפיט וואס איז אידענטיפיצירט דורכן פובליק טשארדזש געזעץ.<br><br>אויב איר ווערט אויסגעשטעלט צום פובליק טשארדזש געזעץ, קען קעיר נעמען פון אייער געזונטהייט יעצט שטארקער מאכן אייער אימיגראציע אפליקאציע שפעטער. | באקומט קעיר אן קיין שרעק! |
| Medicaid | פיל אימיגראנטן, ארייננגערעכנט אזיילים, רעפיודזשיס, געוויסע קרבנות פון געוואלדטאטן, און מענטשן וועלכע האבן שוין גרין קארטלעך זענען נישט אויסגעשטעלט צום פובליק טשארדזש געזעץ.<br><br>DACA געניסער זענען בארעכטיגט פאר סטעיט-באצאלטע מעדיקעיד, וואס איז נישט א פובליק בענעפיט וואס איז באטראפן פונעם פובליק טשארדזש געזעץ. | רוב ניו יארקער וואס זענען בארעכטיגט פאר **Medicaid** קענען זיך איינשרייבן אן קיין זארג פאר פובליק טשארדזש.<br><br>באקומט אן אימיגראציע בעראטונג דורכן רופן די ActionNYC האטליין אויף 800-354-0365. |
| עמערדזשענסי Medicaid, Medicaid פאר שוואנגערדיגע פרויען, Essential Plan, Child Health Plus, אדער א Qualified Health Plan | דאס זענען נישט קיין פובליק בענעפיטן וואס איז אידענטיפיצירט דורכן פובליק טשארדזש געזעץ.<br><br>עלטערן ווערן נישט באשטראפט פאר זייערע קינדער'ס איינשרייבונג אין Child Health Plus אדער אנדערע בענעפיטן. | שרייבט זיך איין אן קיין שרעק! |
| NYC קעיר, H+H Options, טשאריטי קעיר ביי שפיטעלער, אדער קאמיוניטי העלט צענטערן מיט א סליידינג פי סקעדזשול | די סערוויסעס זענען נישט קיין פובליק בענעפיטן וואס ווערט אידענטיפיצירט דורכן פובליק טשארדזש געזעץ. | שרייבט זיך איין אן קיין שרעק! |

**די אינפארמאציע וואס ווערט דא צוגעשטעלט איז נישט קיין לעגאלע ראט. רופט די ActionNYC האטליין אויף -800-354 0365 פון 9 a.m. ביז 6 p.m., מאנטאג ביז פרייטאג, אויסצוגעפינען מער און מאכן אן אפוינטמענט מיט א באגלייבטער אדוואקאט פאר אומזיסטע בעראטונג. דער האטליין איז אנאנים און איז אוועילעבל אין איבער 200 שפראכן.**

**אויב איר קלערט אז דער פובליק טשארדזש געזעץ קען אפעקטירן אייך אדער א פאמיליע מיטגליד מעמבער, רופט די ActionNYC האטליין אויף 800-354-0365.**

NYC Health